מכון
שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה' פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשת **בשלח - יתרו** תשפ"ד ◆ עלון מס': **131**

## דברים שבלב

אויסצויגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### לויבן ווען די 'צרה' איז נאך דא

יעדע שטיק צייט קומען טייערע אידן צו גיין, און זאגן מיר די זעלבע זאך.

איך האב געליינט די גליון, עס איז פול מיט אזעלכע שיינע ערציילונגען, פון אידן וואס זענען געהאלפן געווארן מיט שידוכים, מיט קינדער, מיט פרנסה, אבער ביי מיר רירט זיך עס נישט. ווען וועל איך שוין קענען דערציילן דארט מיין מעשה? פרעגן די אידן.

די תשובה פאר זיי איז אז דאנקען דארף מען יעצט, ווען מען איז נאך אין די פינסטערניש, ווען די צרה איז נאך דא.

אנהייב די פרשה פון בא איז דא דער פסוק פון וואו מען לערנט ארויס די מצוה פון סיפור פון יציאת מצרים. די תורה הק' זאגט אונז (שמות י): "וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם... וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'".

ווען מען איז מדייק די ווערטער זעט מען א וואונדערליכער זאך. די מימרא איז דאך געזאגט געווארן אין א צייט ווען כלל ישראל איז נאך געווען אין מצרים. מען האט שוין געהאלטן נאך זיבן מכות, עס האט נאך געדארפט קומען צו גיין דריי מכות און די לעצטע מכה - דער מכה בפטיש - וואס האט צוגעברענגט אז אידן זאלן ארויסגיין פון מצרים.

לכאורה איז שווער - די תורה וואלט געדארפט געבן די מצוה פון סיפור יציאת מצרים נאך ווען עס האט זיך געענדיגט די יציאה פון מצרים, דער ווערן באפרייט פון מצרים און די ניסים ביי ים סוף איז א חלק פון די נס, פארוואס האט דער רבוש"ע געגעבן די ציווי, ווען אידן זענען נאך געווען אין מצרים, נאך איידער מען האט געענדיגט אלע ניסים.

די תשובה צו די שאלה איז אז דאס טאקע האט הקב"ה אונז געוואלט אויסלערנען. ער האט געוואלט אז מיר זאלן דערהערן דעם געדאנק אז נישט ווען מען ענדיגט די נס דאנקט מען הקב"ה און מען דערציילט די ניסים, די טובה, נאר ווען מען האלט נאך אינדערמיט, הייבט מען שוין אן צו דאנקען הקב"ה און דערציילן די גרויסע נס וואס הקב"ה האט געטון מיט אונז און ער טוט נאך ווייטער.

עס איז זייער גרינג און זייער געשמאק צו דערציילן א גאנצע מעשה. מען דערציילט איבער אן עלטערער בחור וואס איז געקומען צו פארן קיין מירון און זיך אויסגעבעטן א ישועה און אין די זעלבע צייט איז אויך זיין באשערטע כלה געקומען צו פארן און איינער האט באגעגנט צווישן זיי צוויי און עס איז געווארן א שידוך.

אזא ערציילונג גלייכט יעדער. עס איז שיין און צוציענד, עס רעדט צום הארץ, אבער שטעלט אייך פאר אז די מעשה ענדיגט זיך אז דער בחור איז אהיימגעפארן אן קיין שידוך, די מיידל שטייט אין ווייבער שול אוןווארט נאך אויף א ישועה, צי איז דען דא א מעשה? עס איז גארנישט דא, מיר האבן גארנישט אין די הענט, אבער טאקע דאס וויל הקב"ה, ער וויל אז מיר זאלן דאנקען נאך אינמיטן די מעשה, אויף וואס עס איז דא צו דאנקען.

דער בחור זאל דאנקען אז ער איז געזונט, אז ער קען פארן קיין מירון, אז ער האט צו וועמען צו בעטן און אז מען הערט אויס זיין תפילה, אז עס איז דא דא האפענונג, און דאס לאזט מען אונז דא הערן אז ווען מען איז נאך אין מצרים זאל מען דאנקען הקב"ה, אז שוין יעצט זאל מען אנערקענען דעם 'וידעתם כי אני ה'".

א צובראכענע פארפאלק איז אמאל געקומען צוגיין צום צדיק רבי יהושע לייב דיסקין זצ"ל און אויסגעגאסן פאר אים זייער צער. עס איז געבוירן ביי זיי עטליכע קינדער, אבער אלע קינדער זענען אוועק פון די וועלט, אביסל נאכ'ן געבורט. "רבי, וואס טוען מיר". האבן זיי געיאמערט.

דער צדיק האט זיי געפרעגט צי זיי קענען עסן און צי זיי בענטשן ברכת המזון.

נאכדעם וואס זיי האבן באשטעטיגט דיביידע זאכן האט ער זיי געזאגט אז ווען מען מאכט א חשבון וועט מען זען אז ווען מען בענטשט זאגט מען פיר מאל די ווארט 'זן', דריי מאל אין די ערשטע ברכה וואס משה רבינו האט מתקן געווען און די פערטע מאל אין די ברכה 'נודה לך' וואס יהושע בן נון האט מתקן געווען.

יעדע 'זן' באטרעפט כמנין 57, און אז מען דאפעלט עס פיר מאל קומט עס אן צו 228 די גימטריא פון **חוזק האמונה**, און אז מען וועט צולייגן צו דעם נאך פיר פאר די פיר מאל זן וועט מען אנקומען צו 232 און דאס איז כמנין די ווארט **צאצאים**.

דאס איז א רמז אז די פארפאלק זאל זיך שטארקן אין די מצוה פון ברכת המזון מיט כוונה, אין לויבן הקב"ה אויף וואס מען האט יא און דורכדעם וועט מען ממשיך זיין א ישועה, אז די צאצאים וועלן זיך האלטן.

זיי האבן זיך מקבל געווען און זיי האבן זוכה געווען צו לעבעדיגע קינדער וואס לעבן מיט אונז היינטיגע צייטן.

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל האבן די קלארקייט און קענען אייביג זען ישועות ה', אויך פאר מען איז זוכה צו זען די גאנצע ישועה.

הבטחון]

די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4 [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### א גליקליכער לעבן!

ווען מען הערט די צוויי ווערטער קומט ארויף אויפ'ן געדאנק מערערע פארעמען. עס איז דא וואס וועלן טראכטן פון א גרויסע און א רחבות'דיגע דירה, אן קיין נאגענדע מארגעדזש, אנדערע וועלן טראכטן פון ערליכע קינדער, אבער דאס אלעס איז אן אויסערליכער און אן אויבערפלעכליכער בליק, דער וואס דרייט זיך ארום אין די וועלט און קען די וועלט, דער ווייסט אז נישט דאס און נישט דאס איז די זאך.

א גליקליכער לעבן האט א איד וואס לעבט מיט אמונה, מיט'ן באשעפער, ווייל נאר דאס ברענגט גליק פאר'ן מענטש.

דער פארלאפענער פינפטער לעכטל פון חנוכה האט פאסירט א שרעקעדיגער זאך, א שווערע עקסידענט וואס האט פאסירט אין די שטאט מודיעין עילית האט אוועקגעריסן א פינף יעריגע מיידל, די יונגע שושנה קוק ע"ה.

די געשעעניש איז געווען ביטער און טראגיש, א משפחה האט פון א מינוט אויף א מינוט פארלוירן א מיטגליד פון איר. אזא זאך איז זייער שווער צו פארדייען, עס האט אין זיך די פאטענציאל אונטערצוברעכן א גאנצע משפחה, אבער נישט ביי די קוק משפחה.

ווען אזא זאך וואלט געשען ביי א גוי וואלט דער לעבן פון דעם גוי געווארן א טראגישער לעבן. די עלטערן וואלטן געווארן דערביטערט און פארפינסטערט. זיי וואלטן געפירט געריכטן קעגן דעם דרייווער, קעגן די שטאטראט, קעגן די רעגירונג, זוכנדיג אביסל טרייסט פאר זייער ערשיטערטע זעל, אבער אזוי פירט זיך א גוי.

א איד האט אן אנדערע בליק אויף די גאנצע זאך, ער שטארקט זיך, ער ווייסט אז אלעס איז פון אויבן אז דער דרייווער - אפילו ער וויל קען ער נישט אומברענגען א צווייטן - ווייל נאר וואס מען לאזט צו פון אויבן קען מען געשען - עפעס אנדערש נישט.

ווי א העלד איז דער טאטע ר' רפאל קוק געשטאנען ביי די לויה און מקבל געווען די בשורה באהבה, מיט אמונה, ער האט אויסגעשריגן דעם דבר ה'.

"עס איז נישט געווען קיין עקסידענט, קיין איינער איז נישט שולדיג, עס איז נאר דא דער בורא כל העולמים, דער טוב ומיטיב לכל".

קעגן אזא טאטע ווערן מיר פארשטומט!

מיר האבן זוכה געווען צו רעדן מיט ר' רפאל, מיר האבן געשמועסט עטליכע מאל, ביי יעדער שמועס גייען מיר ארויס מער מחוזק ווי מיר זענען אריינגעקומען.

אין א שמועס וואס ער גיבט דא איבער אויפ'ן האטליניע, שמועסט ער אויס וויאזוי מען קען זיך שטארקן, אז די גליקליכקייט פון א מענטש ליגט אז מען ווייסט אז אלעס וואס געשעט אויף די וועלט, קומט פון הקב"ה אז עס איז נישט דא אויסער אים נאך עפעס אויף די וועלט.

דער הייליגער מקובל רבי משה דוד וואלי זצ"ל, א תלמיד פון דער הייליגער רמח"ל שרייבט אין זיין ספר [משלי כב, יט] אז קיין איין זאך אויף די וועלט ברענגט נישט אזויפיל תועלות פאר'ן מענטש ווי די מידה פון בטחון.

א לעבן מיט אמונה, מיט בטחון, איז די רעצעפט פאר א גליקליכער לעבן.

אידן וואס לערנען איבער אמונה און בטחון זענען מעיד אז זייער לעבן האט זיך געטוישט מקצה אל הקצה א דאנק זייער לימוד אויף אמונה.

זייט אויך פון די גליקליכע און זייט זוכה צו א גליקליכער לעבן.

גוט שבת

**פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## די נעקסטע מאל קום איך נאר מיט א שטריימל

עס איז געווען מיט צוויי יאר צוריק ווען איך האב זיך ארויסגעלאזט אויף א רייזע קיין ליזענסק צום ציון פון דעם הייליגן רבי אלימלך זי״ע. זייענדיג דארט זענען מיר ארויף צום ציון און זיך דארט גוט אויסגעוויינט, און שפעטער זענען מיר אריבער אין די ארטיגע הכנסת אורחים און עפעס טועם געווען.

זייענדיג דארט איז מיטגעזעסן מיט אונז א ירושלימ׳ער איד און ער האט אונז דערציילט די פאלגענדע מעשה.

מעשה שהיה מיט א פיינער בחור וואס האט פיין מצליח געווען אין די ישיבה און איז געקומען צופארן קיין ליזענסק און מתפלל געווען ביים ציון ער זאל טרעפן א גוטן זיווג, אבער די באשערטע איז נאכנישט געקומען צוגיין.

א יאר דערויף איז דער בחור נאכאמאל געקומען צוגיין און נאכאמאל מתפלל געווען אבער די ישועה האט זיך געשלעפט. אזוי איז אריבער א יאר נאך א יאר, דער בחור איז שוין געווען א דרייסיגער און די ישועה איז נאכנישט אנגעקומען.

עס איז געווען די צענטע רייזע פון דער בחור. ווען ער איז אנגעקומען צום ציון הק׳ איז געווען ליידיג, קיין איינער איז נישט געווען דארט. זעענדיג אז קיין איינער איז נישט דא האט ער אויפגעפענט זיין הארץ און מיט א צובראכנקייט זיך אויסגעוויינט דאס הארץ, זאגנדיג אז ער קומט שוין אהער צען יאר און ער איז נאך אלץ נישט א געהאלפענער. ״רבי, די נעקסטער מאל וואס איך קום איז נאר מיט א שטריימל״, האט ער אויסגעשריגן דערביטערט און פארוויינט.

אין די זעלבע צייט איז געווען א איד וואס האט געוואוינט אין א קליינער מושב אין ארץ ישראל. וועלנדיג אז זיינע קינדער זאלן טון היימישע שידוכים האט ער באשלאסן אז ער מוז זיך אריבערציען קין ירושלים, אז מען וועט אים קענען וועט ער קענען טון היימישע שידוכים. ער איז געקומען צוגיין און זיך געדינגען א דירה אין די ׳סנהדריה געגענט׳ און זיך אנגעהויבן אינטערעסירן וועגן שידוכים.

נישטערנדיג אזוי האט מען אים אנגעטראגן די שידוך. ער האט זיך געטראפן מיט עטליכע בחורים, אבער די בחור האט אים די מערסטע געפאָלן.

זוכנדיג ווי צו מאכן א באגעגעניש האט מען אים מציע געווען אז ער קען גיין צום שכן. מען האט געמאכט די באגעגעניש ביי דער שכן.

מען האט מודיע געווען פאר׳ן בחור אז צו יענער און

## אפענע רמזים אין די מזוזה

מיט בערך צוואנציג יאר צוריק האב איך געעפענט א ביזנעס וואס געבט זיך אפ מיט אימפארטירן שטארקע טירן פאר די הייזער.

די פארלאנג פאר די סארט טירן איז געווען זייער גרויס אין יענע צייט. עס איז געווען אסאך גניבות. אין א טאג האב איך באקומען א באשטעלונג פון די שטאט קרית אונו אז מען דארף דארט דרינגענד א טיר.

די באשטעלערן, א פרוי, האט זיך געהערט זייער דרינגענד. ווען איך בין אנגעקומען צו איר איז זי געווען זייער ערשטוינט. זי האט נישט געגלייבט אז די פרומע אידן מאכן געשעפטן און זעענדיג איינעם מיט א קאפעל אויפ׳ן קאפ האנדלט און וואנדלט איז עס געווען פאר איר א מאדנע איבערראשונג.

ווי אייביג, אז דו ביסט א פרומער איד, ביסטו דאך דער פארשטייער פון דעם באשעפער און זי האט מיר גענומען פרעגן צי אפשר דארף זי איבערקוקן די מזוזות נאך דעם וואס זי האט לעצטענס מיטגעמאכט צוויי געשעענישן, איר מאן האט געהאט א הארץ אטאקע און מען האט גע׳גנב׳ט איר קאר.

זי איז נישט געווען פרום אבער זי האט געהאלטן טראדיציאנאלע זאכן. איך האב גע׳עצה׳ט אז זי זאל עס טון, און געאפפערט אז איך וועל נעמען די מזוזות צו א בודק, אין די צייט ווען מען געבט זיך אפ מיט׳ן אינסטאלירן די נייע טיר.

דער מגיה האט עס בודק געווען און וואונדערליך, די מזוזה האט געהאט צוויי שרעקעדיגע טעותים, דער לבבכם פון דער פסוק ׳פן יפתה לבבכם׳ האט געפעלט און דער ווארט ׳בהמתך׳ איז געווען געלעכערט.

מיט באגייסטערונג האב איך עס איר געוויזן און געגעבן צו פארשטיין אז דער ׳לבבכם׳ איז דאך פשוט און אז ׳בהמתך׳ איז קעגן די בהמה און היינט האבן מיר אנשטאט דעם די קאר, די בהמות וואס טראגן אונז ארום איבעראל.

זי איז געווען שאקירט פון די אנטדעקונגען, מען איז געלאפן קויפן א נייע מזוזה און עס ארייגעלייגט נאך יענעם טאג.

## א הצלה קאלל 4 אזייגער פארטאגס

די זייגער האט געוויזן פיר אזייגער פארטאגס ווען איך האב זיך פלוצלונג אויפגעוועקט פון שטארקע קלעפ אויפ׳ן טיר.

ווער קלאפט דא אינמיטן די נאכט? איך האב עס נישט געקענט פארשטיין, אבער הערנדיג ווי די זעצעס הערן זיך נישט אויף בין איך ארויסגעטאנצן פון בעט און צוגעלאפן צום טיר.

״ווער ווייסט? עס קען נאך זיין פיקוח נפש״.

איך בין ארויס פון בעט אין איילעניש און פלוצלונג זע איך אז די קאך לעקטער איז אנגעצינדן.

ווער איז אין קאך אין אזא שעה? איך גיי אריין אין קאך און עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגן זעענדיג וואס דא גייט פאר. אויפ׳ן טיש פון קאך שטיין מיין צוויי יעריגער שמעון און אין זיין האנט האלט ער א קעסל פול מיט הייס וואסער און וויל עס ארייגיסן אין זיין פלעשל.

אין די לעצטע רגע האב איך געגעבן א כאפ אן די הייסע קעסל און עס צוגענומען פון אים און אים אנגעפולט א ווארעמע מילעך פלעשל.

דער בלויזער מחשבה וואס וואלט געקענט געשען אויב איך בין נישט דארט האט מיר צוטרייסלט, ער וואלט זיכער נישט מצליח געווען ארייצוגיסן די הייסע וואסער אין פלעשל און געכאפט א בריה און עס וואלט געווען ביטער.

דער גוטער טאטע אין הימל האט רחמנות געהאט אויף מיר און אונטערגעשיקט א שכן זאל קלאפן אינמיטן די נאכט.

אבער יעצט איז געקומען די צייט צו גיין קוקן ווער קלאפט ביים טיר. נאכ׳ן עפענען די טיר זעה איך אז עס שטייט פאר מיר א גאנצער משפחה מיט שבת׳דיגע קליידער און זיי זענען הילפלאז.

״מיר האבן געדינגען די אויבערשטע דירה פאר צוויי וואכן, מיר קומען יעצט פון א חתונה, מען גייט אריין אין די דירה מיט א קאוד און מיר האבן בטעות פארגעסן די קאוד אינעווייניג אין די דירה״.

איך האב זיי גלייך געגעבן די קאוד, זיי האבן זיך אנטשולדיגט אז זיי האבן מיר אויפגעוועקט אינמיטן די נאכט, זאגנדיג אז זעענדיג אז די לעקטער איז אנגעצינדן און הערנדיג ווי מען רוקט בענקלעך זענען זיי געווען זיכער אז מען קען נאך קלאפן.

יעצט איז געווען מיין רייע זיי צו דערציילן וויאזוי זיי האבן מיר מציל געווען פון א ביטערע סכנה, און ווי זיי זענען געווען גוטע שלוחים פון אונזער גוטער טאטע אין הימל, צו ראטעווען מיין קינד און מיר פון מיטמאכענישן.

א רייכע יום טוב פעקל

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

פון טיפן הארץ וויל איך ענק באדאנקען פאר די הייליגע ארבעט וואס איר לייגט דא אריין. איך בין לעצטענס אריבער א שווערע תקופה אין געלט. עס איז מיר געווען זייער ענג אז אויף צו קויפן ברויט האב איך געמוזט בארגן געלט פון צדקה. איך בין געווען צובראכן פון דעם. וועלענדיג ארויסקריכן פון די צובראכנקייט האב איך אריינגעקלינגען אין די האטליניע. עס האט זיך געפירט צום גוטן איז אין יענע מינוט האט מען געזינגען א שיינע ניגון פון בטחון און אמונה, די ניגון האט מיר אזוי מחיה געווען און אויפגעפרישט אז איך בין ארויס פון דעם א נייער מענטש. איר האט א געוואלדיגע זכות, שטארקט אייך און גייט ווייטער אן מיט די עבודת הק׳, איר שיינט אריין חיות אין טויזנטער אידן.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

ווארטנדיג אז מיין זון זאל געהאלפן ווערן מיט א שידוך האב איך פאראיאר כ״ט טבת זיך אונטערגענומען אז איך גיי תורם זיין פאר די גליונות א סומע יעדע חודש אין לויף פון א יאר צייט. ברוך השם אז א שטיק צייט שפעטער איז מיין זון געווארן א חתן און יעצט חודש שבט איז די חתונה. די לעצטע פעימענט קומט אויס אינמיטן שבע ברכות. איך וואלט עס געדארפט אפשטעלן, אבער איך וויל עס פארלענגערן מיט א יאר לזכות אז מיין טאכטער וואס ווארט אויך אויף א שידוך זאל געהאלפן ווערן מיט א גוטער שידוך.

מיט ברכה, משפחת ש׳ פון בני ברק

פון די שטארקע נקודות וואס מיר הערן אסאך ביי די שיעורים פון ר' דוד, איז די נקודה פון אריינבעמען אין קאפ אריין אז אויך א טעות איז פון הימל.

עס טרעפט זיך אסאך מאל אז מען עסט זיך די געזונט און מען פייניגט זיך די געוויסן מיט די פראגע וואו איז געווען מיין קאפ? וואו האב איך פארלוירן מיין שכל? וויאזוי האב איך געקענט זיין אזוי נאריש און אזוי נאיוו?

מען פארגעסט אז אויך דאס איז פון הימל, אז צומאל פירט מען צו פון הימל אז א מענטש זאל פארלירן זיין שכל, ווייל אזוי דארף זיין.

די מעשה וואס איך האב געהאט פאר פסח איז געווי די מעשה וואס געבט ארויס די געדאנק.

איך וואוין אין די שטאט לאנדאן. פאר פרנסה בין איך איינגעשטעלט אין א מוסד און מיין ארבעט איז איינצומאָנען די שכר לימוד. אין קאנטראסט צו ארץ ישראל וואו די שכר לימוד קומט אריין אויטאמאטיש אין באנק אריין דורך די קרעדיט קארטעל אדער דורכ'ן באנק איז די איינמאנונג דארט אויפ'ן אלטמאדישן וועג, מען גייט צו צום טאטן און מען בעט אים דאס געלט.

צומאל קומט עס אן גרינגער, צומאל איז עס עבודת פרך, אבער דאס איז די ארבעט.

עס איז געווען פאר פסח ווען איבערגייענדיג די חשבונות האב איך באמערקט אז עס איז דא א טאטע וואס איז א שיינער בעל הבית וואס איז שולדיג געבליבן אן ערנסטער חוב. איך האב אים אנגעקלינגען און געזאגט אז עס קומט פסח, אז מען דארף צאלן געהאלט פאר די מלמדים און איך בעט אים זייער ער זאל באצאלן די חוב.

דער טאטע האט געוואלט וויסן וויפיל דער חוב איז, עס האט געהאלטן ביי צוויי טויזנט פונט.

"נאך היינט וועל איך דיר ברענגען דאס געלט".

ער האט געפרעגט וואס איז מיין אדרעס, ער איז א ווארטס מענטש, געווענליך ווען ער זאגט עפעס ווערט עס גלייך געטון און וועגן דעם זעענדיג אז ער קומט נישט אן האב איך זייער געוואונדערט און אים דן לכף זכות געווען אז זיכער האט ער פארגעסן פון דעם.

דער יום טוב פסח איז אריבער, מען האט געציילט ספירה און ווייטער אין קול ואין עונה.

זעענדיג אז עס איז נישט קיין תכלית האב איך אים געגעבן א קלינג אן און איך הייב אן רעדן צו אים וועגן געלט און ער הערט זיך אביסל אנטוישט.

"געלט? איך בין געווען ביי דיר פאר פסח, איך האב איבערגעגעבן א פארמאכטער קאנווערט פאר דיין זון....".

הערנדיג דאס בין איך געווארן שאקירט, איך האב אים צוגעזאגט אז איך וועל עס מברר זיין און צוריקקומען צו אים. ווי נאר איך האב אראפגעלייגט די טעלעפאן קאלל האב איך אנגעהויבן מאכן א חקירה ודרישה ביי אלע מיינע קינדער אבער קיין איינער האט נישט געוואוסט פון וואס איך רעד.

איך האב אים געוואלט גלייבן און איך האב נישט געהאט וויאזוי, אבער זייטיג צו דעם האב איך נישט אויפגעהערט צו טראכטן וויאזוי קען א מענטש זיין אזוי נאריש און איבערגעגעבן צוויי טויזנט פונט פאר א קינד, ער האט אפילו נישט געפרעגט ווער דער קינד איז, ווי עס וואלט געווען א זאך וואס איז ווערד א פרוטה.

זעענדיג אז מיינע קינדער ווייסן נישט פון וואס כ'רעד, האב איך אנגעהויבן ארומפרעגן ביי די שכנים. נאכ'ן אויספרעגן עטליכע שכנים בין איך דערגאנגען דעם סוד.

נעבן מיר וואוינט א טייערער יונגערמאן, ממש פאר פסח האט מען אים פארשיקט פון די ארבעט, ער האט נישט געהאט קיין געלט אויף יום טוב און ער האט מיר דערציילט די פאלגענדע מעשה.

"פאר יום טוב בין איך געווען זייער צוקלאפט. מיינע טאשן זענען געווען ליידיג. איך האב נישט געוואוסט וויאזוי איך גיי אריינברענגען די יום טוב אין שטוב. איך האב נישט געוואלט בעטן געלט פון קיין מענטשן און איך האב זיך געשטעלט מתפלל זיין ביים בורא כל העולמים ער זאל מיר ארײנשיקן געלט פאר יום טוב, איך האב געבעטן אז די געלט זאל אנקומען אן קיינע בזיונות און דארפן אנקומען צו מענטשן".

דער איד האט ווייטער געשילדערט:

"עס איז געווען א תפילה פון טיפן הארצן און עס גייט נישט אריבער קיין צען מינוט און מיין קינד קומט אריין אין שטוב און געט מיר איבער א קאנווערט מיט צוויי טויזנט פונט".

איך האב געדאנקט הקב"ה, איך בין געווען זיכער אז עס איז אראפגעפאלן פון הימל און אויסגענוצט דאס געלט.

ווען איך האב אים געשטעלט אויפ'ן פלאץ וועגן די טעות איז ער געווארן שאקירט און אנגעהויבן אויסארבעטן מיט מיר א פלאן וויאזוי ער קען מיר אפצאלן.

"אפשר מאכן מיר עס אויף קלענערע באצאלונגען", האט ער זיך געבעטן.

איך האב געזאגט אז איך וועל איבערטראכטן און ביני לביני האב איך צוריקגעקלונגען צו יענעם איד און אים דערציילט די גאנצע מעשה.

"ווייסטו וואס", האט דער איד אויסגעפירט.

"דו זעסט אז יענער האט נישט, לאז אים אפ, איך וועל דיר אריינברענגען די געלט ביז א טאג, צוויי".

איך בין געבליבן שטיין געפלעפט. מיט א מינוט צוריק האב איך געשטוינט וויאזוי קען דער עושר זיין אזוי לייכטזיניג און שיקן צוויי טויזנט פונט מיט א קינד, יעצט האב איך שוין די תשובה, מען האט אים פארבלענדעט פון הימל, ער זאל נישט קענען זען וואס דא געשעט, אז א איד זאל האבן געלט אריין צוברענגען די יום טוב אין שטוב אריין.

יענער צייט זאל ער קומען צוגיין צו יענע און יענע דירה.

"ביי ווייסבלום".

די ווייסבלום'ס זענען געווענליך אייניקלעך פון ר' אלימלך. דער בחור האט זיך נאכגעפרעגט און עס איז געווארן פעסטגעשטעלט אז זיי זענען טאקע אייניקלעך.

יעצט האט דער בחור געהאט א סימן אז די שידוך איז די ריכטיגע שידוך פאר אים.

די שידוך איז געווארן, און א יאר דערויף איז דער בחור געפארן קיין ליזענסק.

דאסמאל מיט א שטריימל.

## די וויזע ברענגט די ישועה

פון די זאכן וואס איך טוה פאר פרנסה איז ארויסצוהעלפן פאר אידן מאכן א וויזע קיין אמעריקע. איין טאג זיצנדיג ביי די ארבעט קומט אריין א יונגער בחור און בעט אז איך זאל אים העלפן מאכן א וויזע. איך האב איבערגענומען פון אים די נויטיגע דעטאלן וואס עס פעלט זיך אויס ער זאל קענען באקומען א וויזע, און מיר האבן זיך געשיידט ווען מיר באשליסן צו זיין אין קאנטאקט.

דער בחור האט נאר פארלאזט מיין אפיס ווען די טעלעפאן קלינגט אריין, זיין מאמע איז אויפ'ן אנדערן זייט.

"מיין זון איז יעצט געווען ביי דיר. ער האט דיר געבעטן אז דו זאלסט אים העלפן מאכן א וויזע, איך בעט דיר, טו אלעס וואס דו קענסט אז ער זאל נישט קענען באקומען א וויזע".

די מאמע האט מסביר געווען אז איר זון גליטשט ליידער אראפ פון וועג און זי ציטערט אז אין אמעריקע וועט ער ווערן אינגאנצן פארפאלן.

קיין סאך האב איך איר נישט געקענט העלפן. איך האב איר צוגעזאגט אז איך וועל מאכן השתדלות ער זאל דורכפאלן אבער מער ווי דעם קען איך נישט טון. אין די אפליקאציע האב איך אריינגעשריבן אז ער איז א בחור, ער זוכט ארבעט, די צוויי זאכן זענען סיבות וואס שרעקן אפ די אמעריקאנער פון געבן וויזעס, אבער עס האט נישט געארבעט, קעגן די ווילן פון די מאמע האט אים די אמעריקאנער קאנסול באשטעטיגט די וויזע.

זי האט נישט גערוט. הערנדיג אז זיין וויזע איז גרייט האט זי עס געשיקט אפנעמען אבער דער בחור איז געווען געשיקטער. נאך איידער אירע שלוחים זענען אנגעקומען איז דער בחור שוין געווען אין אפיס און אפגענומען די וויזע.

דער בחור איז געפארן קיין אמעריקע אבער דארט האט פאסירט די פארקערטע. ער האט זיך דארט געטראפן אן ארבעט און זיך אוועקגעשטעלט. עס איז געווען אויף אזוי ווייט אז א שטיק צייט שפעטער האט מיר זיין מאמע געקלינגען אז ער וויל אהיימקומען און איך זאל אים אפהאלטן ווייל זי האט מורא אז ער וועט זיך דא טרעפן מיט זיינע חברים און צוריק קאליע ווערן.


מפיצים אמונה לכל יהודי בכל העולם

שכונה שלימה נתרמה לזכות

פייגא בת מרים אסתר - גולדא בת מרים אסתר - חיים יהושע בן מרים

אסתר רייזל בת מרים אסתר - **שיזכו לזיווג הגון בקרוב ממש**

נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** | דריקט 6

**העברה לבנק לאומי** סניף 902 | חשבון 57390056

**משלוח בדואר** לת.ד. 5475 ירושלים

**בעמדות נדרים פלוס** ע"ש השגחה פרטית

# לשונות הזהב
## השגחה פרטית בספרים הקדושים

**פה קדוש לרבי איצעלע פון וואלאזשין רות א' י"ט:**
ווער עס פארלאזט זיך אויף הקב"ה באמת און מיט'ן גאנצן הארץ, האט נישט קיין מורא פון פחד און פון קיין שום שמועה רעה. אזא איינער האט נישט קיין מורא פון קיין שום זאך אויף די וועלט. די בטחון אליין איז די סיבה אז ער זאל ווערן ניצול מכל רע. דאס האבן חז"ל געזאגט ביי די מעשה פון הלל הזקן אז ער איז געווען אויפ'ן וועג און ער האט געהערט א געשריי פון זיין שטאט און זיך אנגערופן אז איך בין זיכער אז דאס קומט נישט פון מיר אין שטוב, ווייל די מבינים אין בטחון ווייסן אז די בטחון וואס פאדערט זיך פון א איד איז אז ער זאל זיך פארלאזן אז הקב"ה איז א שומר, ער היט אונז אפ פון אלע מיני פורעניות. וועגן דעם, ביי וועמען דער בטחון איז שטארק, ווערט ער אפגעהיטן פון אלע ערליי שלעכטס, און דאס איז געווען ביי הלל הזקן, זעענדיג אז זיין הארץ ציטערט נישט, ווייל ער איז אזוי זיכער אין הקב"ה, איז ער געווען זיכער פון דעם אליין אז עס איז נישט געווען ביי אים אין שטוב.

### די מנהג 'העברים' איז צו בעטן מיט א שטילער קול

**דער באר מים חיים פרשת שמות:**
דער פסוק זאגט ותפתח וגו' ותאמר מילדי העברים זה. מען דארף פארשטיין על פי פשטות פון וואו האט זי געוואוסט אז דאס איז א אידיש קינד? נאר עס קען זיין אז ערשט דארף מען פארשטיין דער לשון וואס דער פסוק זאגט ותראהו וגו' והנה נער בוכה. צידען פעלט זיך אויס צו זען ווי איינער וויינט, א קול בכיה קען מען הערן אן זען אויך. עס וואלט געדארפט שטיין 'ותשמע את קול הנער והנה בוכה'. נאר עס קען זיין אז די בכיה פון משה רבינו איז געווען אזוי ווי די בכיה פון חנה (שמואל א' א'). ביי חנה שטייט "ובכה תבכה" אבער דארט איז זיכער געווען א בכיה נאר פון הארץ, אן קיין קול ווייל דארט שטייט בפירוש 'וקולה לא ישמע', און די זעלבע זאך איז אויך געווען דא אז דאס קינד האט געוויינט בנחת, אז די קול האט מען נישט געהערט, נאר ווען זי האט געעפענט די תיבה, האט זי געזען ווי ער וויינט. ווען זי האט דאס געזען האט זי זיך געוואונדערט פארוואס שרייט ער נישט מיט א קול און דאס איז ווי די מפרשים ז"ל זאגן אין זייער פירוש אויף חז"ל ביי די מעשה מיט הלל הזקן אז ער איז געקומען פון וועג און געהערט א קול צווחה אין שטאט און זיך אנגערופן אז עס איז זיכער נישט פון זיין שטוב, ווייל הלל הזקן האט אויסגעלערנט זיינע קינדער אז זיי זאלן זיך נישט באקלאגן אויף די וועגן פון הקב"ה און אפילו אז עס וועט זיין עפעס א מקרה רעה ח"ו זאלן זיי נישט שרייען נאר זיי זאלן בעטן רחמים מיט הכנעה, מיט א שטילער קול, און וועגן דעם ווען ער האט געהערט אז מען שרייעט יא, האט ער געוואוסט אז עס קומט נישט פון זיין שטוב, ע"כ. און די זעלבע זאך האט זי אויך געמיינט אז וועגן דעם וויינט ער נישט אויפ'ן קול ווייל ער איז בוצין בוצין מקטפיה ידיע און ער וויל נישט שרייען בקול, נאר ער רעדט שטיל צו דער וואס הערט שטיל, און וועגן דעם האט זי געזאגט אז "מילדי העברים זה", אז פון געבורט אן פירט ער זיך אויף ווי די עברים און ער האט די מידה פון די עברים.

### דער וואס איז בוטח בה' ווערט ניצול פון אלע צרות

**די גמרא אין מסכת ברכות דף ס' ע"ב:**
די גמרא דערציילט אונז אז עס איז געווען א מעשה מיט הלל הזקן שהיה בא בדרך ושמע קול צווחה בעיר, אמר, מובטח אני שאין זה בתוך ביתי. ועליו הכתוב אומר (תהלים קיב, ז): "משמועה רעה לא יירא נכון לבו בטוח בה'".
זאגט אויף דעם רבא אז דער פסוק פון משמועה רעה לא יירא נכון לבו בטוח בה' קען מען דרש'נען פון די רישא צו די סיפא און פון די סיפא צו די רישא, און ער שמועסט אויס אז מרישיה לסיפיה דרשנ'ט מען משמועה רעה לא יירא - וואס איז דער טעם? ווייל נכון לבו בטוח בה', און פון די סיפא צו די רישא דרש'נט מען אויב איז 'נכון לבו' און ער איז 'בטוח בה'' דאן וועט מקויים ווערן ביי אים 'משמועה רעה לא יירא'.
די בטחון אליין איז א שמירה

### אלעס וואס קומט אויפ'ן מענטש איז לטובה

**דער צפנת פענח מהרי"ט פרשת לך לך:**
עס קען זיין אז דאס שטייט אין פסוק משמועה רעה לא ירא, עס מיינט נישט אז ווער עס איז בוטח בעצמו וועט נישט האבן קיין רעה, נאר אז אלעס וואס וועט קומען אויף אים פון הקב"ה איז גוט פאר אים, ווייל דער נכון לבו איז בטוח בה'. עס קומט נישט אויף אים קיין דבר רע, נאר וואס עס איז פאר זיין תועלת, ווייל אפילו אויב עס זעט אויס שלעכט אויף די וועלט איז עס דא צו מתקן זיין עס זאל אים זיין גוט לעולם הבא, און אזוי פלעגט נחום איש גם זו זאגן אייביג גם זו לטובה, און וועגן דעם שטייט אין קיין טעם, אז די משמעות פון דער פסוק זאל קענען גיין אויףביידע זייטן, פון די סיפיה צו די רישא, אז אויב דער מענטש זאגט אז ער איז שלום עם אלקיו איז אים דער פסוק מבטיח אז עס וועט אים נישט קומען קיין שמועה רעה און אויב עס איז מרישיה לסיפא ווערט עס גע'דרשנ'ט אין דעם וועג, משמועה רעה לא ירא, נאר נכון לבו בטוח בה' סיי על הטובה און סיי על הרעה, ווייל אלעס קומט פון אים יתברך, נישט אז ער פארלאזט זיך אויף דעם.

## א פינטעלע ליכטיגקייט
### אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

מערערע מאל קומען צו מיר מענטשן און זענען זייער צובראכן: "כבוד הרב, עס איז מיר ביטער, איך האב לעצטער וואך חתונה געמאכט מיין טאכטער מיט א בחור, א תלמיד חכם, א ירא שמים, אזוי האב איך געמיינט, אבער יעצט ווייס איך אז ער איז נישט א תלמיד חכם, ער איז נישט א ירא שמים, ער איז גראבער יונג. אבער עס איז שוין צו שפעט, וואס טוה איך יעצט?"
אנדערע קומען צו גיין מיט א פארקערטע מעשה. זיי דערציילן אז דער מיידל וועמען זיי האבן גענומען אלץ פרוי, אדער שנור, האט שלעכטע מידות, זי איז אן עקשן, מען קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט איר.
די אידן ווילן וויסן וואס זיי זאלן טון, זיי זענען פארלוירן, הילפלאז. יעצט איז שוין צו שפעט צוריקצודרייען דעם זייגער. עס גייט שוין נישט. מען קען צוברעכן די זאך, אבער עס איז א ווייטאגליכער פראצעדור, און ווער ווייסט וואס מען גייט באקומען נאך דעם.
וואס טוט מען דא?
פון מיין רבי ר' עוזר שווארץ זצ"ל האב איך קונה געווען א טייערער געדאנק בנושא פון שידוכים.
ער פלעגט אייביג זאגן, ביי א שידוך באקומסטו וואס דו ווילסט. אויב דער מענטש איז נישט אזוי ווי די ווילסט, ווער נישט דערשראקן ווייל דו קענסט אים טוישן, גרינגערהייט קען ער ווערן א נייער מענטש!
דאס מיינט אין אנדערע ווערטער, אז אויך אויב דער בן זוג אדער בת זוג איז נישט ווי עס דארף צו זיין, קען מען עס טוישן.
אבער וויאזוי מאכט מען דעם טויש?
דא גייען מיר אייך אויפדעקן איינס פון די גרעסטע און בעסטע טעכנאלאגיעס וואס די וועלט האט, עס איז א ספעציעלער קליינע מאשינדעל וואס האט אין איר די כוחות צו טוישן מענטשן און

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד
## א 'רעמאוט' קאנטראל וואס טוישט מענטשן

צוברענגען אז דער מענטש וועמען איר ווילט וועט זיין גענוי דעם וועמען איר ווילט ער זאל זיין.
עס איז א פאקט, עס ארבעט, עס ארבעט ביי אים און עס ארבעט ביי אנדערע, אויך ביי קינדער.
איך קען הונדערטער אידן וואס האבן זיך גענוצט מיט די וואונדערליכע פאטענט און האבן געזען וואונדער.
איך, פערזענליך, קען א פרוי וואס האט חתונה געהאט צו א שלעכטער מאן און זי האט זיך גענוצט מיט דעם און ער איז געווארן איבערגעדרייט צו דער בעסטער מאן אין די וועלט.
וואס האט זי געטון? טאג טעגליך האט זי זיך איינגעשפארט אין א צימער פאר צוואנציג מינוט און אנגעהויבן רעדן צו דער באשעפער און געדאווענט אויף אים, זאגדיג אויף אים די גרעסטע שבחים, אז ער איז א צדיק, א לב טוב, א למדן, א בעל מידות טובות און ביז א שטיק צייט האט זי אנגעהויבן זען רעזולטאטן.
זי האט עס געטון טאג נאך טאג און מיטאמאל האבן זיך זאכן אנגעהויבן צו רירן.
דאס איז דער וועג וויאזוי מען טוישט א מענטש, מען רעדט אויף אים גוטס, מען זאגט אויף שבחים און ער טוישט זיך.
די וועג איז נישט מיין געדאנק, עס ווערט שוין געברענגט אין ספר 'פלא יועץ' [ערך סנגוריא].
"ווייל וואס א מענטש וועט רעדן מאכט א רושם אויף אים אויבן, ביי די פמליא של מעלה. אויב רעדט ער שלעכטס אויף יענעם וועט ער דערמיט דערוועקן מקטרגים. אויב וועט ער רעדן אויף אים גוטס וועט ער מעורר זיין אויף יענעם גוטס, די ווערטער פון א מענטש זענען מעורר און ברענגען פרוכטיגע רעזולטאטן פאר'ן מענטש".
צייגט אייך אליין איבער און איר וועט זען ישועות!


### תגובות המצטרפים

לכבוד המערכת האדירה 'השגחה פרטית', המחוללת נפלאות בעולם באמונה חושית בהשי"ת!

אם הרב וואזנר זצוק"ל טען, שמאז מתן תורה לא היה היקף צדקה גדול כמו בדורנו - מסתבר שגם לא היה היקף אמונה חושית בכל העולם ובכל גווני הציבור, כפי שיש היום - בזכותכם.

אשריכם שאינכם נחים על זרי דפנה, ולא שבעים מהצלחות. אחרי פתיחת הקו התחדשתם בעלון, הנחטף כלחמניות במוצאי הפסח, ואחרי העלון הגיע המגזין המושקע והמהודר, שמענג את המשפחה כולה. שמחזק מגדול ועד קטן את האמונה החושית בה' יתברך.

**תמשיכו להצליח בכל פעולותיכם, ובעזרת ה' תתפתחו עוד ועוד!**

# גם אתם מכניסים את האור הביתה

## הצטרפו היום, ותראו איך שהרוגע והשלווה מגיעים לכל בני הבית

התקשרו עכשיו
61767* שלוחה 3
או בעמדות 'נדרים פלוס' על-שם 'מגזין השגחה פרטית'




עדיין יש את אפשרות לקבל את כל המגזינים שיצאו עד עתה
**במתנה**
שאלו את המוקדן